מוקדש

**לחיזוק ההתקשרות לנשיאנו**

**כ״ק אדמו״ר זי״ע**

❁

ולזכות

החתן הת׳ **מנחם מענדל** והכלה מרת **חנה** שיחיו

**בלוי**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

ז׳ תמוז, ה׳תשע״ט

❁

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

הרה״ת ר׳ **ברוך יהודה** וזוגתו מרת **חנה תמר** שיחיו **בלוי**

הרה״ת ר׳ **שלמה חיים** וזוגתו מרת **מיכל** שיחיו **פלס**

ולזכות זקניהם שיחיו

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# שיחות

כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**יום א׳, ראש חודש סיון, ה׳תשל״ב**

**יום ג׳ פ׳ קרח, י״ט סיון, ה׳תשי״ז**

יוצא-לאור לש״פ קרח, יום ההילולא ג׳ תמוז, ה׳תשע״ט

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ותשע לבריאה

**צדי״ק שנה לנישואי כ״ק אדמו״ר והרבנית הצדקנית זי״ע**





©

Published and Copyright 2019 by



**LAHAK HANOCHOS INC.**

788 Eastern Parkway Suite #408 | Brooklyn, New York 11213

Tel. (718) 604-2610

info@lahak.org • http://www.lahak.org



The Kehot Logo is a registered trademark of Merkos L'inyonei Chinuch.



5779 • 2019

*Printed in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס
על ידי חיים שאול בן חנה
בדפוס „ועד הנחות בלה"ק"
(718) 604-2610

נדפס באדיבות דפוס
The PrintHouse
538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237
(718) 628-6700

נדפס בסיוע ולזכות יצחק בן לאה וזוגתו רבקה ויקה בת רחל ומשפחתם שיחיו



2

20) סוכה כט,א. מכילתא בא יב,ב.

21) ראה המפרש לרמב"ם הל' קדוה"ח פ"א ה"א.

22) להעיר מהקדמה לשעהיוה"א (חינוך קטן) בנוגע שבע יפול צדקה וקם.

23) ראה רב"ע באשם.

24) "כי אתם המעט מכל העמים" (ואתחנן ז,ז).

25) ראה לקו"ש ח"ג ע' 976 הערה 19. ליקוט לפ' לך לך תשל"א.

26) ראה ישעי' מב,ו. ס,ב-ג.

27) והרי "האדם עץ השדה" (שופטים כ,יט). וראה תענית ז,א. שהשייכות לעץ השדה הוא מצד בחי' התורה, ת"ח.

28) ועי"ד שאדם רוצה בקו שלו מט' קבין של חבירו (ב"מ לח,א). וראה מכתב כללי די"א ניסן ש.ז.

29) יתרו יט,ג.

30) מכילתא שם, פירש"י עה"פ.

31) ובזה שכרה גדול מהאיש, דהרי ע"פ טבע "אשה צרה עיני' באורחים יותר מן האיש" (ב"מ פז,א).

32) ראה שמו"ר פכ"ח,ב: למה לנשים תחילה...כדי שיהיו מנהיגות את בניהן לתורה.

33) תולדות כה,כו.

34) וישלח לב,כט.

35) ראה של"ה שער האותיות (סד,א).

פאקסימיליא (מוקטן מהגודל המקורי) מההגהה על חלק מההערות — נדפס לעיל ע' 6 ואילך

בס"ד.

## פתח דבר

לקראת ש"פ קרח, יום הגדול והקדוש ג' תמוז, יום ההילולא העשרים וחמש של כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, הננו מוציאים לאור:

א) שיחת ראש חודש סיון, ה'תשל"ב, לכינוס הי"ז של אגודת נשי ובנות חב"ד, שהוגהה בשעתה ע"י כ"ק אדמו"ר* (באידית), ומתפרסמת עתה בפעם הראשונה (בתוספת תרגום ללה"ק).

לחביבותא דמילתא — באים בסוף הקונטרס איזה פאקסימיליות מעלי ההגהה של השיחה.

ב) שיחת יום ג' פ' קרח, י"ט סיון, ה'תשי"ז, שנאמרה בחדרו הק' לתלמידי הכתה המסיימת בישיבת "אהל משה"**, הנחה בלתי מוגה***, שמתפרסמת עתה בפעם הראשונה.

*

בתור הוספה — מכתבים (תדפיס מכרכי אגרות־קודש שמכינים עתה לדפוס).

*

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד "הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשיאנו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, "תורה חדשה מאתי תצא".

## ועד הנחות בלה"ק

יום הבהיר כ"ח סיון, ה'תשע"ט,
שבעים ושמונה שנה ליום בו ניצלו כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית זי"ע
מן המיצר דעמק הבכא האירופאי והגיעו צלחה לארצות הברית
ברוקלין, נ.י.

---

*) אך נראה שלא נשלמה ההגהה (כיון שבאיזהו מקומן נשארו בהערות ענינים שלא צויינו, וכן צויינו סימנים בגליוני העמודים על כמה ענינים כדי לחזור ולעיין בהם), וכנראה זוהי הסיבה שלא נמסרה להו"ל בשעתה.

**) עוד שיחות אליהם: ה' תמוז, תשט"ז (תו"מ חי"ז ע' 29 ואילך); בדר"ח תמוז, תשח"י (תו"מ חכ"ג ע' 92 ואילך); כ"ה אייר, תשי"ט (תו"מ חכ"ה ע' 301א ואילך); כ"ו סיון, תש"כ (תו"מ חכ"ח ע' 169 ואילך); כ"ג מרחשון, תשכ"א (תו"מ חכ"ט ע' 194 ואילך); כ"ו סיון, תשכ"ב (תו"מ חל"ד ע' 63 ואילך).

***) ע"פ רשימה שנרשמה בשעתה ע"י הרה"ת הרה"ח ר' אליהו יאכיל סימפסאָהן (שזכה להיות מה"חוזרים" אצל כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע ואצל כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע), שבתור "חוזר", נלווה אל התלמידים בכניסתם אל הקודש.

# בס״ד. שיחת יום א׳, ראש חודש סיון, ה׳תשל״ב

## — בכינוס השנתי הי״ז דנשי ובנות חב״ד* —

בשעת אידן טרעפן זיך צוזאַמען [ובפרט אַז מ׳טרעפט זיך אין אַ מקום קדוש], איז זיכער קיין פרט אין דעם ניט במקרה, נאָר בהשגחה פרטית[1], און פון יעדן פרט קען מען עפּעס אָפּלערנען[2].

ובפרט אַז דער צוזאַמענטרעפן דעם מאָל איז געציילטע טעג פאַר דער גרעס־טער פּאַסירונג וואָס האָט געטראָפן מיט אידן — דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה צו אידן בחג השבועות, און דערצו איז עס בראש חודש סיון, דער ראש חודש פון דעם חודש פון קבלת התורה, און אויך [לויט דער איינשטעלונג פון די וואָכן מיט די חדשים היינטיגס יאָר] — אין דער זעל־בער וואָך.

* * *

ראש חודש סיון האָט זיך שוין אָנגע־הייבן דער ענין פון קבלת התורה. כאָטש אַז אין פּועל ממש האָט דער אויבער־שטער געגעבן די תורה בששה בסיון[3], בחג השבועות, אָבער ווי דערציילט אין חומש, זיינען אידן שוין בר״ח געווען גרייט, פון זייער זייט, אויף מקבל זיין די תורה[4], ווי דער לשון הכתוב[5]: „בחודש השלישי גו׳ ביום הזה באו מדבר סיני״, אַז אין דעם דריטן חודש (לויט די ציי־לונג פון חדשים וואָס הייבט זיך אָן פון ניסן), ביום הזה — אין דעם באַשטימטן אויסגעטיילטן טאָג פון חודש וואָס דאָס איז ר״ח, ווי די גמרא[6] טייטשט, זיינען אידן געקומען צום מדבר סיני, און „ויחן גו׳ נגד ההר״[7], זיי האָבן אויפגעשטעלט די געצעלטן — די „טענטס״ — וואו זיי זיינען איינגעשטאַנען, און דאָס אַוועק־געשטעלט „נגד ההר״. טייטשן מפרשים[8] אַז זייער אָפּשטעלן זיך דאָרטן און אויפ־שטעלן דאָרט די אהלים איז געווען פאַראייניציקט און מיט דער מטרה און צוועק וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם הר, און ניט סתם אַ באַרג, נאָר „(נגד) ההר״, דעם באַשטימטן און באַרימטן באַרג — דער הר סיני, וואָס זיין ענין איז דאָך געווען אַז אויף אים וועט געגעבן ווערן תורה [דערפאַר אַז די חכמים דערציילן וואו מען האָט געגומען תורה איז דער לשון „משה קבל תורה מסיני״[9], וואָס דאָס באַווייזט אויף דער ספּעציעלער פאַר־

*) ראה גם מכתב פסח שני שנה זו (אג״ק חכ״ז ע׳ ת ואילך) — „צו דער 17־טער יערלעכער קאָנווענשאָן כו׳״.

1) ראה לקו״ד ח״א פא, ב ואילך. „היום יום״ ע׳ קח (כח חשון).

2) ראה „היום יום״ ע׳ נב (כט אייר).

3) דהלכה כרבנן (בשבת פו, ב). ראה שו״ע אדה״ז או״ח סי׳ תצד ס״א.

4) ראה תו״א (ר״פ) יתרו רד״ה בחודש השלישי.

5) יתרו יט, א.

6) שבת שם. הובא בפרש״י עה״פ.

7) יתרו שם, ב.

8) ראה רשב״ם וספורנו שם.

9) אבות פ״א מ״א. ועד שהת״ח עצמו נקרא סיני (ראה ברכות והוריות בסופן).





- ה -

דער וועלט, ווייזט זיך אויס צו זיין קלענער ווי די ליכטיקייט פון די אנדערע פעלקער. בדוגמת די ליכטיקייט פון דער לבנה לגבי די זון - איז ווי מאנט מען פון זיי באלייכטן די גאנצע וועלט?

פארענטפערט מען אויף דעם: דוקא "ישראל מונין ללבנה", ווארום אידן זיינען א פאלק וואס שטייט ניט אויף אן ארט, נאר ער גייט אלעמאל פארווערטס אויף באנייען זיך מיט נייע כחות און מיט א נייע ליכטיקייט. און אמאל כדי צוצוקומען צו א העכערן צושטאנד דארף מען האבן אן ענין פון פינסטערניש, ד.ה. אז די פינסטערניש וואס איז ארום זאל אנהייבן ארן: ווי קומט דאס אז די וועלט אנערקענט ניט דעם אויבערשטנ׳ס גרויסקייט און אז ער איז דער בעה"ב פון דער גאנצער וועלט?! און דאס דערוועקט אים אז ער זאל אין זיך געפינען באנייטע כחות, אז ניט נאר ביי אים אין הויז וועט זיין ליכטיק, נאר אויך-אז ער זאל מאכן ליכטיק און באלייכטן די גאנצע וועלט מיט א נייע ליכט וואס די וועלט האט ביז דעמאלט גאר ניט געוואוסט און גאר ניט געהאט.

* * *

דאס איז די ספעציעלע צוזאמענהאנג פון תורה מיט ר"ח: תורה איז ניט בלויז א זאך וואס מען האט איר געגעבן מיט עטליכע טויזנט יאהר צוריק, און עס שטייט אויפן זעלבן צושטאנד, וואס במילא קען מען טראכטן: ווי אזוי קען מען נוצן א זאך וואס איז אלט עטליכע טויזנט יאהר, און ווי אזוי קען מען דערמיט לעבן - נאר תורה איז "תורת חיים", דאס איז א לעבעדיקע זאך; און א סימן פון לעבעדיקייט איז אז דאס האלט אין איין וואקסן.

אבער בשעת א זאך וואקסט זיינען דא צייטן וואס ווייזט אויס אז ס׳איז דער היפוך דערפון, פונקט ווי מען זעט אין אן עץ השדה, אין א בוים, אז עס איז דא ווען ער וואקסט און מען זעט די פירות, עס איז אבער דא אינמיטן א צייט וואס עס ווייזט אויס אז עס איז אלץ פארפרארן - אבער דעמאלט קלייבט דער בוים צוזאמען באנייטע כחות, כדי דערנאך זאל ער געבן נייע פירות, און פון די פירות וועלן אויסוואקסן נייע ביימער.

אזוי איז אויך ביי תורה: כאטש אז ס׳זיינען צייטן ווען ס׳איז

- שווער -

פאקסימיליא (מוקטן מהגודל המקורי) מההגהה על חלק מהשיחה — נדפס לעיל ס״ע 7 ואילך

ורואים במוחש ועד לראי׳ בעיני בשר, שבאם מחליטים באמת לשוב לדרך חיים האמורה, הרי הקישושים שיראים מפניהם מתמעטים ופוחתים, ומקבלים עליהם בקלות יותר מאשר משערים מראש.

אפילו מי שהספק מכרסם בקרבו, על כל פנים מידי ספק לא יצא, וגם הוא מוכרח להודות שכדאי לנסות, כיון שהמטרה די חשובה, ואם תמצי לומר עיקרי בחיי האדם.

בהאמור פתרון גם לשאלתה איך לנצל הכשרונות אשר בורא עולם חונן בהם את האדם וכל היצור, שגם בזה הוראה בתורתנו הנקראת תורת חיים, חיים גם בעולם הזה.

תקותי ששורותי המעטות בכמות בערך חשיבות הנושא, תספיקנה להתבונן בכל האמור, ובאם נצרך לחשוב מחדש חשבון נפשי וחיוני ולבוא לידי החלטה אמיתית.

לסיומה במכתבה שאין אמונה, הרי גם זה מפיתויי היצר, ובפרט שהרי זוהי הדרך הכי קלה להפטר מכל חיוב והתחייבות, שהרי סוף סוף אך האמונה היא היסוד מוסד המחנך ומחייב את האדם לחיות על פי הצדק והיושר, כיון שעל כל פשעים תכסה אהבה (אהבת עצמו), ואהבה היא השוחד הכי פעיל, מעור עיני חכמים ומטה את השכל.

בברכה לבשו״ט בכל האמור מתוך יציבות ומתוך שמחה במילוי תפקידה בעולם, תפקיד כל איש ואשה הישראלים, להפיץ אור טהרה וקדושה בסביבה הקרובה והרחוקה.

בברכה,

בשם כ״ק אדמו״ר שליט״א
מזכיר

❀ ❀ ❀

---

שעל כל פשעים תכסה אהבה: משלי יו״ד, יב.
השוחד .. מעור עיני חכמים: פ׳ שופטים טז, יט.



בונדנקייט פון סיני מיט דעם ענין פון תורה[10].

קומט אויס אז כאָטש די תורה איז געגעבן געוואָרן זעקס טעג שפּעטער, זיינען שוין אידן געווען צוגעגרייט דערצו ר״ח סיון, נאָר דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן זיין אויסגע־רוט פון וועג[11], און דאַן אַז זיי זאָלן זיך הייליקן נאָך מער ווי זיי זיינען געווען הייליק ביז דעמאָלט „וקדשתם וגו׳״[12] — דאָס האָט געדויערט די פינף טעג אינצ־ווישן, און אויפן זעקסטן טאָג איז געווען קבלת התורה.

* * *

ווי דערמאָנט פריער, און ווי שוין גערעט מערערע מאָל, זיינען דערציילונ־גען פון תורה ניט סתם וואָס מ׳דערציילט אַ זאַך וואָס האָט געטראָפן מיט אַזויפיל יאָרן צוריק[13], נאָר דאָס איז כדי אָפּצופּ־רישן דעם אַריינטראַכטן זיך אין דער פּאַסירונג וואָס איז געווען דעמאָלט, און דער אַריינטראַכטן זיך זאָל זיין מיט אַזאַ שטאַרקייט און מיט אַזאַ האַרציקייט, ביז אַז מען לעבט דאָס איבער נאָך אַמאָל פונקט ווי דאָס האָט פּאַסירט דעם ערשטן מאָל[14].

ע״ד ווי ס׳האָט זיך גערעט בהנוגע צו פּסח[15] [וואָס פּסח איז פארבונדן מיט שבועות[16] (דורך ספירת העומר וואָס מען ציילט אין צווישן[17])], אַז מ׳זאָגט אַז יעדער איד דאַרף אויף זיך קוקן און זיך באַטראַכטן אַז ער אַליין איז אַרויס אָט דעם פּסח פון שעבוד מצרים, פון דעם גלות פון מצרים[18], אַזוי איז אויך בהנוגע צו קבלת התורה: בזמן מ״ת — בשבועות, און נאָך פאַר דעם בר״ח[19] [כנ״ל אַז אידן זיינען שוין געווען גרייט בר״ח] דאַרף אַ איד שוין אָנהייבן די צוגרייטונג און די איבערלעבונג אַז ער שטייט איצטער ביים באַרג סיני, און נאָכדעם הייבט ער אָן דעם „וקדשתם״ — דעם נאָך מער מאַכן זיך הייליג און די שטוב הייליג, כדי אויפצונעמען די תורה באופן אַז דאָס זאָל ווערן ביי אים אַ „תורת חיים״, אַ תורה וואָס נעמט דורך זיין גאַנצן לעבן, פון גאַנץ פרי ביז דער לעצטער מינוט פון די פיר־און־צוואַנציק שעה פון מעל״ע, וואָס צוליב דעם דאַרף דאָך זיין

---

10) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 276 ואילך.

11) שבת שם, סע״ב ואילך. והובא בשו״ע אדה״ז שם בסוף הסימן.

12) יתרו שם, יו״ד. שבת שם. שו״ע אדה״ז שם.

13) להעיר גם מזח״ג נג, ב. קנב, א.

14) וכאותו שנתעלף בציירו לעצמו שהולך להמלך (ראה בארוכה לקו״ד ח״א קסד, א ואילך).

15) ראה תוכן השיחות דימים ראשונים דחגה״פ ס״ב־ג.

16) ראה (שהש״ר פ״ז, ב (ב)) אשר יחס חה״ש וחה״פ הוא בדוגמת יחס שמע״צ וחה״ס.

17) ראה שבלי הלקט הערוגה השמינית סדר עצרת רלו. ר״ן סוף פסחים.

ולהעיר „שהכתוב לא תלה חג הזה .. לא בכמה ימים לחודש רק בחמישים לעומר״ (שו״ע אדה״ז שבהערה 3).

18) ואף ש„בכל יום ויום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים״ (תניא רפמ״ז. וראה פסחים קטז, ב) — פשיטא שאינו דומה להחיוב בט״ו בניסן ובימי חה״פ בכלל. ולהעיר מהידוע אשר בבוא הזמן שבו אירע הענין בפעם הא׳ מתעורר הענין עוה״פ בתוקף, וכפי׳ האריז״ל עה״פ „והימים האלה נזכרים ונעשים״ (אסתר ט, כח. וראה רמ״ז בס׳ תיקון שובבים. הובא ונתבאר בס׳ לב דוד (להחיד״א) פכ״ט).

19) להעיר שהלימוד „שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום ניתנו״ למדין מ„ביום הזה בראש חודש״ (פרש״י יתרו יט, א).

„היו נכונים״[20] — צוגעגרייט זיין טראַכטן, זיין רעדן און זיכער זיין טאָן[21] — אויף קענען אויפנעמען דאָס אין דער פולסטער מאָס.

* * *

ווי געזעט פריער איז ניטאָ קיין ענין וואָס איז צופעליק, איז דאָך זיכער אַז אויך דאָס וואָס אידן זיינען געוואָרן גרייט פון זייער זייט אויף אויפנעמען תורה — בר״ח, האָט דאָס אויך אין זיך אַ באַדייטונג און ספּעציעלע שייכות און פאַרבונדנקייט:

ווי דער אַלטער רבי ערקלערט דאָס[22]: דער ענין פון ר״ח כפשוטו איז, אַז דעמאָלט ווערט די לבנה געבאָרן פון דאָס ניי; פאַר דעם גיט דאָך די לבנה אַלץ ווייניקער און ווייניקער ליכטיקייט, ביז אַז ער״ח זעט מען איר אינגאַנצן ניט, דערנאָך ווערט דער מולד הלבנה, די לבנה ווערט געבאָרן פון דאָס ניי, און יענע נאַכט און טאָג, ווערט אָנגערופן ר״ח, און דערמיט הייבט זיך אָן אַ באַנייאונג פון דער לבנה,

וואָס דאָס איז דאָך דער אָפּטייטש פון „חודש״ — באַנייאונג[23], און דער „ראש״ — דער אָנהייב אין דעם און די קאָפּ דערפון, הייבט זיך אָן ר״ח, ווען די לבנה הייבט אָן פון דאָס ניי שיינען, און מיט יעדער טאָג און מיט יעדער נאַכט ווערט די ליכטיקייט אַלץ מערער און מערער.

דערפאַר זאָגן די חכמים[24]: „ישראל מונין ללבנה ועכו״ם לחמה״ — כאָטש אַז פון די וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויף באַלייכטן די וועלט, וואָס דאָס זיינען די זון און די לבנה[25], זעט אויס די זון אַ סך גרעסער פון דער לבנה, און איר ליכטיקייט און היץ איז אַ סך אַ שטאַרקערע פון דער לבנה, פונדעסטוועגן „ישראל מונין ללבנה״ דוקא, אידן שטעלן איין זייער ציילן פון די חדשים און יאָרן לויט דער לבנה, און אומות העולם — די (אַנדערע) פעלקער פון וועלט — שטעלן איין זייער ציילונג לויט דער חמה, לויט דעם זון קאַלענדאַר.

די ערקלערונג דערויף איז[26]: די אַנדערע פעלקער, כאָטש צייטווייליק האָבן זיי אַ גרעסערע „קוואַנטעטי״, אַ גרעסערע כמות, אַ גרעסערע ליכט, איז אָבער ביי זיי ניטאָ די זאַך פון וואַקסן, פּונקט ווי אין שמש איז ניטאָ קיין ענדערונגען — אַלע טעג פון יאָר איז די זון אין דער זעלבער גרויס.

אָבער אידן זיינען „מונין ללבנה״: אין לבנה זיינען אַלעמאָל דאָ ענדערונגען, איין טאָג איז ניט גלייך צום צווייטן, ביז אַז אפילו אין דעם צווייטן העלפט חודש ווען די לבנה ווערט קלענער, און איר ליכט ווערט אַלץ ווייניקער און ווייניקער, איז דאָס (ווי דאָס איז באַ אידן) אַ ירידה צורך עלי׳ — ניט כדי דאָס זאָל ח״ו

20) יתרו שם, יא.

21) דהרי קודם מ״ת הוצרך להיות „וכבסו שמלותם״ (שם, יו״ד) — לבושי מחשבה דבור ומעשה („היום יום״ ע׳ נט (ה סיון)).

22) תו״א יתרו שם, וראה גם בהוספות שם.

23) ראה ספר העיבור לר״א הנשיא מאמר ב שער א. וראה רש״י סנהדרין יג, ב: „ואין לשון חידוש נופל אלא על לבנה המתחדשת״.

24) סוכה כט, א. מכילתא בא יב, ב.

25) בראשית א, יז.

26) ראה המפרש לרמב״ם הל׳ קדוה״ח פ״א ה״א.



וכן מי שיורהו ויבאר לו ענינים בהנהגת חסידות וכו׳, ומטובו להודיעני פשר דבר (מובן אשר הנ״ל אין צריך לדעת שגיליתי תוכן מכתבו, ואל בינתו אשען בזה) והעיקר לבוא בעזרתו באופן המתאים.

לפלא שאינו מזכיר במכתבו אודות האברך ... שי׳. ובודאי יכתוב ע״ד כל הנ״ל בעתיד הקרוב.

## ג

ב״ה, א׳ כסלו תשכ״ג
ברוקלין

מרת ... תחי׳

ברכה ושלום!

במענה למכתבה בו כותבת אודות מצב רוחה וכו׳ אי הבירור הספק וכיו״ב.

ואין פלא בזה, משל למה הדבר דומה, לאילן הרוצה לעקור את עצמו משרשו ומקורו, וביחד עם זה לעמוד איתן ומבוסס, ולא להיות תלוי בין הארץ והשמים.

והנמשל מובן, אשר הרי כל אחד ואחת מבני ישראל מקורם הוא בלשון הכתוב, בנים אתם להו׳ אלקיכם, אלא שצריכה להיות הדביקות, וכמה שכתוב ואתם הדבקים בהו׳ אלקיכם, על ידי ששומרים דרך השם, בדרך החיים, כפי שציונו בתורתו תורת חיים, הם קיום המצות עליהם נאמר וחי בהם, והמפסיק קשר זה מאיזה סיבה שתהי׳, הרי עד לקשורו עוד הפעם, נמצא תלוי ועקור ממקום חיותו וגידולו.

בהאמור נכלל גם כן הפתרון למצב רוחה ביחד עם ההוראה ברורה, איך לתקנו ולשפרו, ובסגנון הרגיל עתה, לשוב אל המקורות, מקור מים חיים,

ג

בלשון הכתוב, בנים אתם להו׳ אלקיכם: פ׳ ראה יד, א.
וכמה שכתוב ואתם הדבקים בהו׳ אלקיכם: ואתחנן ד, ד.
ששומרים דרך השם: ע״פ וירא יח, יט. ועוד.
בדרך החיים: ע״פ משלי ו, כג. ועוד.
תורת חיים: נוסח התפלה (ברכת שים שלום).
עליהם נאמר וחי בהם: אחרי יח, ה.
ובסגנון הרגיל עתה, לשוב אל המקורות: ראה גם אג״ק חי״ט אגרת ז׳קנד. חכ״ב אגרת ח׳שלג. ח׳תרמז־ח. תו״מ התוועדויות חל״ו (תשכ״ג ח״ב) ס״ע 224. ובכ״מ.
מקור מים חיים: ירמי׳ ב, יג. יז, יג.

# הוספה

## א

ב״ה, ט״ז שבט תשי״ג
ברוקלין.

הוו״ח אי״א נו״נ וכו׳ מוה״ר . . . שי׳

שלום וברכה!

קבלתי מכתבו בנוגע לעצמו וזוגתו שיחיו ומעתיק ג״כ דברי כ״ק מו״ח אדמו״ר כשביקרו אצלו, וידוע שדברי צדיקים חיים וקיימים לעד ובמילא נכון יהי׳ לבם בטוח אשר סו״ס תקויים ברכתו, וכשיתחזקו בבטחונם ויתבסס מצב פרנסתו וכלשון כ״ק מו״ח אדמו״ר אַז מיר וועלן האָבן פרנסה, הרי יקויים ג״כ ההמשך אַז מיר וועלן האָבען קינדער, אלא שצריך לעשות אחיזה בדרך הטבע ולכן **יקיימו** הוראת הרופאים בזה.

בברכה.

## ב

[לפני חג הפסח, ה׳תשי״ד]

. . . בודאי למותר לעורר אודות השתדלות בסידור המתאים של אלמנת . . . ע״ה, וכן בהנוגע לשידוך אודות בתו תחי׳, כי אף שדבר גדול עשו בהקביעות לימוד תניא לז״נ — ובודאי יחזיקו קביעות זו **בכל תוקף** — אבל מובן שאין זה פוטר כלל וכלל מענינים הנ״ל. וכבר ידוע נוסח נשיאנו הק׳ בברכותיהם שהסדר הי׳ ״בגשמיות וברוחניות״, ולא בסדר הפוך. וד״ל.

קבלתי מכתב מתלמיד . . . שי׳. ולפלא שכותב שאין לו עם מי ללמוד תניא

---

**א**

וידוע שדברי צדיקים חיים וקיימים לעד: ראה אג״ק אדמו״ר מהוריי״צ ח״ב אגרת תע (ע׳ רלא). ובכ״מ.

סו״ס תקויים ברכתו: ראה גם אג״ק שם ח״י אגרת ג׳תנד (ע׳ קמו). תו״מ התוועדויות ח״ג (תשי״א ח״ב) ס״ע 157. אג״ק ח״ז אגרת ב׳ט. חכ״א אגרת ז׳תתעה. ובכ״מ.

**ב**

מצילום האגרת.

לז״נ: = לזכר נשמתו.

נוסח נשיאנו הק׳ .. שהסדר הי׳ ״בגשמיות וברוחניות״: ראה עד״ז לקו״ש ח״כ ע׳ 575 הערה 4. וראה גם סיפורי חסידים — תורה (לרש״י זעווין) ס״ע 81 ואילך.



בלייבן אַזוי[27], נאָר כדי דער קומענדער ר״ח זאָל זיין אין אַ באַנייטן אופן, מיט באַנייטע כחות און מיט אַ באַנייטע לע־בעדיקייט און ליכטיקייט.

ווי מען זעט אויך אין נאַטור פון אַ מענטשן, אַז אַ זאַך וואָס שטייט די גאַנ־צע צייט אויף דעם זעלבן צושטאַנד, האָט ער אין דערויף ניט קיין ספּעציעלן פאַרגעניגן[28], בשעת ער האָרעוועט אָבער אויף אַ זאַך, דאָס ווערט — אַ שטיקל צייט — וויינִיקער, און דערנאָך הייבט דאָס ביים אים אָן לייכטן פון דאָס ניי, האָט ער אין דערויף אַ ספּעציעלן תענוג, אַ ספּעציעלן פאַרגעניגן, און די ליכטיקייט וואָס ווערט באַנייט שיינט אין אים און נעמט אים דורך אַ סך טיפער ווי ווען עס וואָלטן אין דערויף ניט געווען קיינע ענדערונגען.

דערפאַר געפינט מען ניט דעם לשון „חודש" בנוגע דער זון, כאָטש אַז יעדער יאָר איז אַ באַזונדער קאַלענדאַר פון דער זון, אַ נייער אָנהייב[29], ווערט דאָס אָבער ניט אָנגערופן „חודש" (באַנייאונג), נאָר דאָס ווערט אָנגערופן „שנה", וואָס דאָס מיינט אַז עס ווערט איבער גע׳חזר׳ט די זעלבע זאַך נאָך אַמאָל[30].

ביי דעם מונין ללבנה ווערט דער גאַנצער חודש אָנגערופן — אין להּ״ק — מיטן וואָרט „חודש", וואָס דאָס באַווייזט אויף אַ באַנייאונג, כדי אונטערשטרייכן אַז ביי אידן, כאָטש עס ווייזט זיך אויס אָדער ס׳איז טאַקע אַזוי — אַז די ליכטי־קייט איז וויינִיקער ווי ס׳איז געווען מיט אַ טאָג פאַר דעם, איז דאָס ניט ח״ו כדי דאָס זאָל אַזוי בלייבן, נאָר כדי דאָס זאָל אים מעורר זיין, דערוועקן און געבן ספּעציעלע כחות, אויף איבערקומען און זיך מתגבר זיין אויף דער פינסטערניש פון דער נאַכט, ביז אַז דערנאָך קומט דער מולד הלבנה, די לבנה און איר ליכטיקייט ווערט געבאָרן פון דאָס ניי, און עס הייבט זיך אָן אַ נייע צייט, אַ נייע תקופה, נייע דרייסיג טעג, וואָס זיי אַלע ווערן אָנגערופן „חודש", אינגאַנצן אַ באַנייטע זאַך.

דאָס גיט אויך אַן ענטפער אויף דעם וואָס מ׳פרעגט: די אידן פאַרנעמען אַ סך אַ קלענערן אָרט ווי די פעלקער פון דער וועלט[31], ד.ה. אויף׳ן ערשטן קוק — אַז די ליכטיקייט און דעם כח וואָס זיי האָבן אויף באַלייכטן און אַיינווירקן אויף דער וועלט, ווייזט אויס צו זיין קלענער ווי די ליכטיקייט פון די אַנדערע פעלקער. בדוגמת די ליכטיקייט פון דער לבנה לגבי די זון — איז ווי מאָנט מען פון זיי — צו באַלייכטן די גאַנצע וועלט[32]?

פאַרענטפערט מען אויף דעם: דוקא „ישראל **מונין** ללבנה", אידן זיינען אַ פאָלק

---

27) להעיר מהקדמת שעהיוה״א (חינוך קטן) בענין „שבע יפול צדיק וקם" (משלי כד, טז).

28) ועד שאמרו (שאפילו) תענוג תמידי אינו תענוג (כש״ט סקכ״א. ובכ״מ).

29) ראה רמב״ם הל׳ קדה״ח פ*

30) ראה ראב״ע בא שם.

*) בגוכתי״ק — נשאר מקום פנוי. (ראה פ״ט ה״ג („תקופת ניסן .. שתכנס בו השמש בראש מזל טלה"). וראה גם פי״ט ה״ב ואילך. — **המו״ל**).

31) כי אתם המעט מכל העמים (ואתחנן ז, ז).

32) ראה ג״כ מכתב־כללי דר״ח ניסן תשל״ב (לקו״ש מכתב ראש חודש ניסן תשל״ב (י״ל י״א ניסן תשל״ב). נדפס לאח״ז באג״ק חכ״ז ע׳ שסז ואילך).

וואָס שטייט ניט אויף אַן אָרט, ער גייט אַלעמאָל פאָרווערטס אויף באַנייען זיך מיט נייע כחות און מיט אַ נייע ליכטיקייט. און אַמאָל כדי צוצוקומען צו אַ העכערן צושטאַנד דאַרף מען האָבן אַן ענין פון פינסטערניש[33], ד.ה. אַז די פינסטערניש וואָס איז אַרום זאָל אָנהייבן אַרן: ווי קומט דאָס אַז די וועלט אַנערקענט ניט דעם אויבערשטנ׳ס גרויסקייט און אַז ער איז דער בעה״ב פון דער גאַנצער וועלט?! און דאָס וועקט אים און דערמאָנט אים אַז ער זאָל אין זיך געפינען באַנייטע כחות, אַז ניט נאָר ביי אים אין הויז וועט זיין ליכטיק, נאָר אויך — אַז ער זאָל מאַכן ליכטיק און באַלייכטן זיין חלק אין וועלט, די גאַנצע וועלט מיט אַ נייע ליכט וואָס די וועלט האָט ביז דעמאָלט גאָר ניט געוואוסט און גאָר ניט געהאַט[34].

* * *

דאָס איז דער ספּעציעלער צוזאַמענהאַנג פון תורה מיט ר״ח[19]: תורה איז ניט אַ זאַך וואָס מען האָט געגעבן מיט עטליכע טויזנט יאָר צוריק און עס שטייט אויפן זעלבן צושטאַנד, וואָס במילא קען דער יצר הרע מאַכען טראַכטן: ווי אַזוי קען מען נוצן אַ זאַך וואָס איז אַלט עטליכע טויזנט יאָהר, און ווי אַזוי קען מען דערמיט לעבן איצט — נאָר תורה איז „תורת חיים״, דאָס איז אַ לעבעדיקע תורה, דאָס לעבט איצט; און נאָך אַן עיקר: אַ סימן פון לעבעדיקייט איז אַז עס האַלט אין איין וואַקסן[35].

בשעת אַ זאַך וואַקסט זיינען דאָ צייטן וואָס ווייזט זיך אויס אַז ס׳איז דער היפוך דערפון, ווי מען זעט אין אַן עץ השדה[36], אין אַ בוים, אַז עס איז דאָ ווען ער וואַקסט און מען זעט די פּירות, עס איז אָבער דאָ אינמיטן אַ צייט וואָס עס ווייזט אויס אַז עס איז אַלץ פאַרפראָרן א.א.וו. — אָבער דעמאָלט קלייבט אָן דער בוים באַנייטע כחות, כדי דערנאָך זאָל ער געבן נייע פּירות, און פון די פּירות וועלן אויסוואַקסן נייע ביימער.

אַזוי, להבדיל, איז אויך ביי תורה: כאָטש אַז ס׳זיינען דאָ צייטן ווען ס׳איז שווער לערנען תורה מצד פאַרשידענע פאַרטומלעניש און פאַרשידענע ניט באַקוועמליכקייטן, דאַרף מען וויסן אַז דאָס גיט דער אויבערשטער בלויז צוליב דעם צוועק אַז דאָס זאָל אויפוועקן ביי אַ אידן, ביי אַ מאַן אָדער ביי אַ פרוי[37], באַנייטע כחות אויף איבערקומען די שוועריקייטן [וואָס זיינען נאָר לפנים, אויבנאויפיקע], און דורך דערויף צוקומען צו אַ בעסערן פאַרשטאַנד אין תורה, און צו אַ טיפערע איבערלעבונג, ווען מען שטעלט אַיין די הויז און דעם לעבן לויט דער תורה,

ווי מען זעט די נאַטור פון אַ מענטשן, אַז אַ זאַך אויף וועלכע מ׳האָרעוועט האָט מען אין דערויף אַ ספּעציעלן געשמאַק און מ׳פילט אַז דאָס איז אַן אייגענע זאַך וועלכע ער האָט געשאַפן און וואָס

33) ראה לקו״ש ח״ג ע׳ 976 הערה 19 (תו״מ ח״ה ס״ע 191 ואילך). לקו״ש ח״ה ע׳ 57 ואילך.

34) ראה ישעי׳ מב, ו. ס, ב־ג.

35) בל׳ חז״ל: תלמיד ותיק עתיד לחדש (נסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 252), לאפשא לה (זהר ח״א יב, ב).

36) והרי „האדם עץ השדה״ (שופטים כ, יט). וראה תענית (ז, א) שהשייכות לעץ השדה היא מצד בחי׳ התורה, ת״ח.

37) ראה הל׳ ת״ת לאדה״ז ספ״א.



המרירות[10], שלכל אחד מהם נתגלתה הנבואה לפי טבעו. ועד״ז בתורה, כמו החילוק בין שמאי להלל, שבאמת הנה ״אלו ואלו דברי אלקים חיים״[11], אלא שמצד טבע הגבורה של שמאי היו סברותיו בקו הגבורה כו׳[12].

בהמשך הענין דובר גם אודות כללות התורה, שניתנה כולה למשה מסיני[13], אלא שבגלוי ניתנו לו רק כללי התורה, המדות שהתורה נדרשת בהם וכו׳,

— ובזה הי׳ עסקו במשך הארבעים יום וארבעים לילה שהי׳ בהר, כי, עשרת הדברות בלבד, מ״אנכי״ עד ״לרעך״, יכול גם קטן ללמוד במשך רגעים ספורים, ועאכו״כ משה רבינו שקיבל את התורה מהקב״ה בעצמו, כך, שזוהי תכלית השלימות הן מצד הנותן (המלמד) והן מצד המקבל (התלמיד), וא״כ, מה למד במשך ארבעים יום וארבעים לילה?! ועכצ״ל, שלמד אז את כללי התורה כו׳ —

ואח״כ ״מסרה ליהושע וכו׳״[13], לתנאים ואמוראים, ראשונים ואחרונים, שכל אחד מהם שחידש בתורה, גילה עוד פרטים שהיו כלולים בכללים שקיבל משה מסיני[14], כמארז״ל[15] שכל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נאמר למשה מסיני — הכללים שמהם נסתעפו כל הפרטים כו׳[16].

אמנם, כל אחד מלומדי התורה לא גילה הכל, להיותו אדם מוגבל כו׳ (ועד שאפילו האדם היותר נעלה כמו משה רבינו, הנה אף שהי׳ בעל השגה מופלא וכו׳, הי׳ מוגבל), ואילו התורה היא אין־סוף, כמ״ש[17] ״ארוכה מארץ מדה ורחבה מיני ים״.

*

כ״ק אדמו״ר שליט״א ברך את התלמידים בברכת קיץ בריא, בלב שמח, בכל הפרטים, בגשמיות וברוחניות, ובחזרתם לביתם[18], ילמדו תורה ברוב חיות, ומתוך יראת שמים.

10) ראה לקו״ש חי״ח ס״ע 343 ואילך. וש״נ.

11) עירובין יג, ב. וש״נ.

12) ראה זח״ג רמה, א. טעהמ״צ להרח״ו פ׳ תצא (כג, יט). שער הגלגולים סוף הקדמה לו. רמ״ז לזח״ג קמא, ב. הקדמת המלקט לתניא (ד, רע״א). תניא אגה״ק סי״ג (קיט, א). לקו״ת שה״ש מ, א. מח, ג. ובכ״מ.

13) אבות רפ״א.

14) אולי הכוונה שחידושו של כל תלמיד הוא לפי ״שרש נפשו למעלה״ (תניא פ״ד) — בהמשך להאמור לעיל בענין ״אלו ואלו דברי אלקים חיים״, שסברת ב״ש וב״ה היא בהתאם לטבע נפשם כו׳ (המו״ל).

15) נסמן בלקו״ש שבהערה הבאה.

16) ראה לקו״ש חי״ט ע׳ 252 ואילך. וש״נ.

17) איוב יא, ט.

18) כנראה לאחרי חופשת הקיץ (המו״ל).

לו בחירה חפשית[5] לבחור באיזה דרך שירצה, ויש לפניו ב׳ דרכים, דרך הטוב ודרך הלא טוב, וכשבוחר בטוב, הרי זה מוליך אותו לגן עדן, וכשבוחר בלא טוב ח״ו, הרי זה מוליך אותו לגיהנם[6].

[ולהעיר, שזהו ענין הבא בדרך ממילא[7]: מהטוב נמשך בדרך ממילא הגן עדן, ומהלא טוב נמשך בדרך ממילא הגיהנם].

ורצון ה׳ הוא — שעבודת האדם תהי׳ בבחירתו מצד עצמו.

(כ״ק אדמו״ר שליט״א בירר שהתלמיד הנ״ל מבין את הדברים. ואח״כ המשיך:)

דרכו של היצה״ר — שמתחיל לפתות את האדם בדבר קל, שקשה לאדם לדחותו. אבל האדם צריך לדעת, שאם יתפתה אפילו בדבר קטן ביותר, הרי זה יוליך אותו במשך הזמן עד לדבר גדול ביותר, כי כך היא הדרך, שמדבר קטן נמשך ממילא לדבר גדול[8].

ויש ללמוד זאת מעניני חול, כפי שרואים בחכמת המתמטיקה וכיו״ב, שכשמציירים ב׳ קווים שהולכים ביחד זה אצל זה, הנה אם קו אחד יתחיל להתרחק בשיעור הכי קטן, חלק קטן מאינטש, חלק א׳ מרבבה או מליון, הנה בהמשך ההילוך בהכרח שסוכ״ס יתרחק בתכלית כו׳, שזהו דבר המוכרח ומובן בשכל הטבעי.

וכן הוא בדרכי התורה, שכאשר הולכים אחר היצה״ר, אפילו כשנמשכים אחריו בדבר קטן ביותר, הנה במשך הזמן יורדים מעט מעט בירידה אחר ירידה, ועד שסוכ״ס נכשלים בדבר גדול ביותר. ולכן, יש צורך להזהר לכתחילה בתכלית הזהירות שלא ליפול ברשתו כו׳.

*

על שאלת א׳ המורים, אודות אופן ההנהגה עם ילד קטן, בגבורות או בחסדים — אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א:

אמרו רז״ל[9] ״לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת״, אבל, עיקר ההנהגה צריכה להיות בקו הימין, בקירוב ובדרכי נועם.

(והוסיף:) כללות ההנהגה בקו ימין או בקו שמאל, היא אצל כל אחד לפי טבעו, וכמו החילוק בין נבואת ישעי׳ בקו השמחה לנבואת ירמי׳ בקו

5) ראה רמב״ם הל׳ תשובה רפ״ה. לקו״ת אמור לח, ב. ובכ״מ.

6) להעיר מברכות כח, ב.

7) ראה של״ה בית אחרון (יב, א־ב. טו, א־ב).

8) ראה גם תו״מ חי״ ע׳ 286. וש״נ. רמב״ם הל׳ דעות ספ״ג.

9) סוטה מז, א. וש״נ. וראה גם לקו״ש חי״ז ע׳ 73 ואילך.



ער האָט באַשאַפן[38], און דערפאַר איז ער גרייט איינשטעלן און פירן זיין לעבן און דעם לעבן פון זיין גאַנצע משפחה, לויט דעם.

* * *

ווי גערעט פריער קען מען לערנען (און אין אַ גאָר גרויסע מאָס) פון אַלע איינצלהייטן און ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט תורה, וכנ״ל אַז בשעת אידן זיינען אָנגעקומען ר״ח סיון (וואָס דאָס איז דער היינטיקער טאָג) במדבר סיני, איז — נאָך דערוף וואָס זיי האָבן זיך אָפּגערוט פון וועג [וואָרום דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מען זאָל זיין אויסגערוט, און אויפנעמען תורה מיט שמחה וטוב לבב — מיט פרייליכקייט און מיט אַן אָפּענער און פולער האַרץ], האָט דער אויבערשטער געשיקט אָנזאָגן אידן אַז איצטער דאַרפן זיי זיך „אויפ־הייבן", הייליקן זיך נאָך מער ווי זיי זיינען געווען פריער.

און דער סדר אין דעם איז געווען: „כה תאמר לבית יעקב ותגד לבני ישראל"[39], אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט משה רבינו אַז צום אַלעם ערשטן זאָל ער דערציילן וועגן דעם און ריידן וועגן דעם צו די פרויען, און ערשט נאָך דעם, ווען די פרויען וועלן זיין צוגעגרייט, זאָל זיין „ותגד לבני ישראל" — ריידן מיט די מענער[40].

די ערקלערונג פאַרוואָס מען דאַרף ריידן פריער מיט די פרויען, זאָגט דער פסוק אין די ווערטער גופא: ווייל פרויען (ווערן אָנגערופן — ד.ה. זיי) זיינען „בית יעקב", און די מענער (ווערן אָנגערופן) זיינען „בני ישראל"[41].

דער חילוק פון „בית" און „בני" איז: „בית" נעמט אַרום די גאַנצע הויז מיט אַלעם וואָס עס איז אין איר[42], דאָס נעמט אַרום ווי די הויז ווערט איינגעשטעלט און פירט זיך, צי די הויז איז איינגע־שטעלט אַז דאָרט זאָל זיין הכנסת אור־חים, כאָטש אַז בשעת ס׳קומט אַן אורח שעדיקט ער אַמאָל די „פוירניטשער" וכיו״ב; צי די הויז איז איינגעשטעלט אַז ס׳זאָל זיין אַן אָפּענע הויז, אויב אפילו דורכדעם וועט מען ניט קענען האָבן די טייערע מעבל וואָס מען וואָלט געקענט האָבן בשעת מ׳וואָלט ניט געהאַט די הוצאה וואָס מען דאַרף מכניס אורח זיין וכיו״ב[43], און אויך דערנאָך, אַז דער אויבערשטער בענטשט און עס ווערן גע־באָרן קינדער, איז גלייך ווי די קינדער ווערן געבאָרן, פון קליינוויייז אָן, גייט דאָס אַריין אין דעם וואָרט „בית", אַ טייל פון דעם הויזגעזינט.

אָבער אין דעם וואָרט „בני" (וואָס באַציט זיך אויף מענער), ווערט ניט אַריינגענומען די פירונג פון דער הויז; און אויך בנוגע צו קינדער, האָט „בני" מער שייכות, זיי ווערן אַזוי אָנגערופן — מצד דער צייט ווען די קינדער זיינען

38) ועד ש„אדם רוצה בקב שלו מט׳ קבים של חבירו" (ב״מ לח, א). וראה מכתב כללי די״א ניסן ש.ז. (אג״ק חכ״ז ע׳ שעה ואילך).

39) יתרו יט, ג.

40) מכילתא שם, פירש״י עה״פ.

41) שלכן קורא כאן לנשים ואנשים דוקא בתוארים אלה. ועד״ז הוא בכ״מ בדחז״ל כיו״ב.

42) להעיר מפרש״י ויגש מה, ב. שם טז.

43) ובזה שכרה גדול מהאיש שהרי עיקר הטרחא עלי׳, וע״פ טבע „אשה צרה עיני׳ באורחים יותר מן האיש" (ב״מ פז, א).

שוין אויסגעוואָקסן[44], קליינערהייט ווערן זיי אָנגערופן „טף״.

אַזוי איז אויך דער אונטערשייד פון „יעקב״ און „ישראל״: מיטן נאָמען „יעקב״ איז דער ערשטער יעקב (– יעקב אבינו) אָנגערופן געוואָרן גלייך ווי ער איז געבאָרן געוואָרן[45], משא״כ מיטן נאָמען „ישראל״ איז ער אָנגערופן געוואָרן אַ סך יאָרן נאָך דעם, און ערשט נאָך דערוף וואָס ער האָט געדינט דעם אויבערשטן און מלחמה געהאַלטן מיט די אַלע אומשטענדן אַרום זיך, און ס׳איז געווען „שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״[46] — ער איז איבערגעקומען די אַלע שוועריקייטן און געבליבן ווי דער אויבערשטער וויל — דעמאָלט ערשט האָט מען אים געגעבן דעם טיטול „ישראל״.

דאָס איז די ערקלערונג פאַרוואָס מען הייבט אָן ריידן וועגן תורה מיט פרויען[47], וואָרום אויף פרויען האָט מען אַרויפגעלייגט דעם גרעסטן זכות, צוזאַמען מיט דער אחריות, פאַר דעם „בית יעקב״, אָן זיי הייגנט אָפּ די אויפפירונג פון דער גאַנצער הויז מיט אַלע אירע איינצלהייטן, ניט נאָר בהנוגע די נפשות — די מענטשן וואָס זיינען אין הויז — נאָר אויך די אַלגעמיינע אויפפירונג, ביז אין די קלענסטע פרטים, אָן דער פרוי הייגנט אָפּ די ערציאונג פון די קינדער[48], פון דעם ערשטן מאָמענט ווי זיי ווערן געבאָרן, ווען זיי זיינען נאָך „יעקב״, [נאָך איידער דער קינד קומט צו בחי׳ „ישראל״, ווען ער האָט שוין באַוויזן אַז ער קען איבערקומען שוועריקייטן און בלייבן ווי דער אויבערשטער וויל].

